# אַ יתומל זינגט.

נאַכֿט שפּירט אין שלאָף:

די גאַסען הערען אויף באַקלאָגען
זייער פּוסטקייט:
אַ יונג זינגט.

פּראַלט אויף די נאַכֿט אויג און אויער:

דורכֿן ענג צעשפּאָלטען רעקעל רייסט זיך דורך געזאַנג,
האָט צעריסען די פּשישוועס אויף די שיך און זינגט.

ער האָט נישט ווו צו שלאָפען:
שטרענג פאַרקלאַפּט די טויערן,
ווי דער קבר פון זיין טאַטען,
אָן ליכֿט געבליבען אַלע פענצטער,
ווי ער אָן אַ מאַמע,
טראָטואַר און מענטש—מויט-אָרים ביידע,
און קלעמעדיק-שווערע ליידיקייט
איז אַציינד די שטאָט, די שטאָט,
ווי אַ פּריש געבויט יתומים-הויז—:

איז קיין קיך נישט, אויסגעמויערט,
קיין ברעקעל סימן פון אַ טאָפּ,
קוקסט דאָרט, דאָ—בחנם, נישטאָ
די באַרעמהאַרציקע שוועסטער
מיטן פולען פאַרטוך ווייסע גוטסקייט,
נישט קיין שטרויזעק אין די ווינקלען,
נישט קיין בעטעל אויסגעבעט—

אַ יתום.
האָט נישט ווו צו שלאָפען.

גלותט ער פון פּלאַץ צו פּלאַץ,

שלעפּט אַ מאָגען פול מיט הונגער
דורך פּוסטקע-נודנער ליידיקייט
פון אַ גרויסער שוואַרצער שטאָט.
(ער אַ קליינער שוואַרצער יונג)
שלעפּט און ווייסט נישט איין נישט אויס,
גלאָצט: פון ערגעץ לויפט אַ מויז,
פליט איר נאָך, זעט נישט: ווו?
שרייט נישט: גאָט, אַ קאַפּקע רו!
זיין גומען טויג נישט צו קיין תפלות,
ס'האָט אַ טאַטע נישט געלערנט,
און קיין מאַמע האָט ער אויך נישט,
פון וואַן זשע זאָל ער שעפּן טרערען?
און פאַרגולמט, פאַרגלאָצט,
פאַרפינצטערט, אַנטשוויגען,
(ווי פלעכעגע דעכער,
ווי שויבען פון גלאָז,
ווי קאַלך אויף די הייזער)
בלאָנקעט ער דורך אַלע ראָגען

און ווייסט נישט, וואָס אים שטעכט אין אויגן
צי אַ לאַמטערן?
אפשר די שטערן?
און קאָן נישט דערהערען
דעם טרומייט אין לינקען אויער...

און משאדיק ווינט אויף זיין פלייצע דער חושך,
עס הענגט אים אין ברוסט אַ זעקעל מיט זאַמד,
ער ווייסט נישט איין און ווייסט נישט אויס,
און דער זאַק מיט זאַמד איז גרויס,

און שפּירט נישט, בראָדזשענדיק, און שפּירט:
צופּיסענס איז אַזוי געשמאַק,
אונטען יום-טובט מען אַ יום-טוב,
ערד קושט אים שטאַרק די זוילען.

לאָזט ער זיך פאַרחושט אַראָפּ
און ליגט—אַ מענטש אינמיטען גאַס,
(ווי טויטע ליפּען ביי אַ טויטער ברוסט
איז זיין שוואַרצער קאָפּ ביים שוואַרצען ברוק)
צעזינגט זיך פון דער העלער הויט,
(געהערט אין פּאָליש פון די יונגען?
אויף ירידן פון אַ דזשאַד?
אָדער ערגעץ ביי ציגיינער?)
פּאָפּט און נעמט אַרום די ערד,
חמרט—חמרט—חמרט—און
זינגט אַרויס פון שלאָף:

„שטיינער גוטע, ווייכע שטיינער,
איך בין אַמאָל געווען אַ שיינער,
היינט קוקט אויף מיר נישט קיינער
אַלע שלאָפען, איך וואַך איינער,
אַז איך עס נישט—ווייסט נישט קיינער,
שוין שוואַרץ געוואָרען מיינע ציינער,
ווייכע, ווייכע, ווייכע שטיינער,
איך בין אַמאָל געווען אַ שיינער
אין גאַנצער געגענט איינער, איינער,
אָ, כ'בין שוין באַלד הויט און ביינער,
וואָס זשע שווייגט איר, האַרטע שטיינער?"

הערט די נאַכט אויף די גאַסען,
אויף די דעכער הערט דאָס בלעך,
שויבען הערען פון די פענצטער,
פון די הייזער הערען—ציגעל:

אַ יתומל זינגט.

ווארשע

ישראל שטערן.

אַ יתומל זינגט

רינגען (וואַרשע, 1921–1922)

באַנד I, [העפֿט V–VI, סעפּטעמבער], 1921, זז׳ 209–211